© copyright 2003 AFII

## קאַפּיטל ח 8

[1] אבּער רבּי, מלך המשיח איז אוועק צו דעם הר הַזֵיתִּים (בּאַרג פֿון אייַלבּערטן).

[2] און בּייַם אָנהויבּ פֿון שחרית איז רבּי מלך המשיח נאָכאַמאָל געקומען אין דעם בּית המיקדש און כָּל העם (אַלע מענטען) זייַנען געקומען צו רבּי, מלך המשיח, און האָבּנדיק זיך אַוועקגעזעצט האָט ער צו זיי געזאָגט א שיור.

[3] און די סופֿרים און די פּרושים האָבּן אריַינגעפֿירט אן אישה (פֿרוי) געכאַפּט געוואָרן בּייַ ניאויף (חילול-הזיווג) און, האָבּנדיק איר געשטעלט אין דער מיטן,

[4] זאָגן זייֵ צו רבּי, מלך המשיח, רבּי, די אישה (פֿרוי) האָט מען געטראָפֿן בּשעת זי האָט געהאַלטן אין טאָן ניוף.

[5] איצט אין אונזער תּורה האָט משה רַבּינו אונדז געגעבּן אַ מצוה צו פֿאַרשטיינען אזעלכע נשים. דעריבּער, וואָס זאָגסט דו?

[6] אָבּער דאָס האָבּן זיי געזאָגט כּדי צו שטעלן פֿאַר רבּי, מלך המשיח אַ נִסָיון (פּרוּוו) כּדי זיי זאָלן קענען האָבּן עפּעס וועגן וואָס צו בּאַשולדיקן אים, אבּער רבּי, מלך המשיח, האָבּנדיק זיך אנידערנגעבּויגן האָט מיט זייַן פינגער, אָנגעשריבּן אויף דער ערד.

[7] אָבּער ווייל זיי זייַנען פאַרבּליבּן, פֿרעגן אים ווייַטער, איז רבּי, מלך המשיח אויפגעשטאַנען און האָט זיי געזאָגט, דער איינער וואָס איז אָן חֵטְא (זינד) צווישן אייַך, זאָל ער דער ערשטער וואַרפֿן אַ שטיין אויף איר.

[8] און ווידער האָט ער זיך אייַנגעבּויגן שרייַבּנדיק אויף דער ערד.

[9] און די איינע וואָס האָבּן געהערט זייַנען אוועקגעגאַנגען, איינס

נאָך איינס, אָנהייבנדיק מיט די זקנים, און רבי, מלך המשיח איז פֿאַרבליבן אליין מיט דער אישה (פֿרוי) שטייענדיק פֿאַר אים.

[10] און ווען ער איז אויפֿגעשטאַנען, האָט רבי, מלך המשיח געזאָגט צו איר, אישה, וואו געפינען זיי זיך? קיינער האָט דער ניט פֿאַרמשפּט?

[11] און זי האָט געזאָגט, קיינער ניט, אדוני. און רבי, מלך המשיח האָט געזאָגט, איך אויך פֿאַרמשפּט דיר ניט. זיי און פֿיר ניט אויס מער חֵטְא.

[12] דאַן האַט רבי, מלך המשיח ווידער געזאַגט צו זיי, אני הוא האור העולם הזה. דער איינער וועלכער פאָלגט מיר נאָך וועט קיינמאל ניט אין חושֶך (פֿינצטערניש) שפּאַנען, נאָר וועט האָבן דעם אור החיים.

[13] דערפֿאַר האָבן די פּרושים געזאָגט צו אים, דו גיסט פֿייַערלעך עדות (עדותשאַפּט) וועגן זיך אליין. אָבער דייַן עדות איז ניט נאמה.

[14] אין ענטפֿער, האָט רבי, מלך המשיח געזאָגט צו זיי, אפֿילו אויב איך זאָג פֿייַערלעך עדות וועגן מיר אַליין, מייַן עדות איז נאמה, ווייַל איך האָב דעת פֿון וואנען איך בין געקומען און וואַו איך זיי, אבער איר האָט ניט דעת פֿון וואַנען איך קום און וואו איך זיי.

[15] איר משפּט וועדליק דעם בשיר; איך משפּט ניט קיינעם.

[16] אבער אפֿילו אויב איך משפּט, מייַן פְּסַק-דִין, מייַן משפּט, איז אמת, ווייַל עס איז ניט איך אליין נאָר דער איינער האָבנדיק מיר געשיקט, הַאַבֿ.

[17] און עס איז געשריבן אפֿילו אין אייַער תּורה, אַז דאַס עדות (עדותשאַפֿט) פֿון צוויי איז נאמה.

[18] אני הוא דער איינער וואָס גיט פייַערלעך עדות (עדותשאַפֿט) וועגן זיך אַליין און דער איינער וואָס האָט מיר געשיקט, האָבֿ,

גיט פֿייַערלעך עדות וועגן מיר.

[19] דערפֿאַר, האָבן זיי געזאָגט צו רבי, מלך המשיח, וואו איז דייַן "האַבֿ"? אין ענטפֿער, האָט רבי, מלך המשיח געזאָגט, איר האָט ניט דעת סייַ פֿון מיר אָדער מייַן האַבֿ. אויבֿ איר וואָלט געהאַט דעת וועגן מיר, וואָלט איר געהאט דעת פֿון אַבֿי.

[20] רבי, מלך המשיח האָט גערעדט די דברים אין דעם בית האוצר בעת זאָגנדיק שיערים אין דעם בית המיקדש, און קיינער האָט אים אַרעסטירט, ווייַל די שעה פֿון רבי, מלך המשיח איז נאך ניט געקומען.

[21] רבי, מלך המשיח האָט דערפֿאַר געזאָגט, ווידער צו זיי, איך גיי אוועק און איר וועט מיר זוכן, און אין אייער חֵטְא וועט איר גיין צו אייַער מוות. וואו איך גיי קענט איר ניט אָנקומען.

[22] דעריבער, האָבן די פֿון יהודה געזאָגט, מיינט ער אַז ער גייט זיך נעמען דאָס לעבן, ווייַל ער זאָגט, וואוהין איך גיי קענט איר ניט צוקומען?

[23] און רבי, מלך המשיח האָט געזאָגט צו זיי, איר זייַנט פֿון מַטָה (אונטן); אני הוא פֿון וואָס איז מָעְלָה (אויבן). איר זייַנט פֿון דעם עולם הזה; איך בין ניט פֿון דעם עולם הזה.

[24] איך זאָג, דעריבער, צו אייַך אַז איר וועט גיין צו אייער מוות אין אייַערע עבֿירות (זינד), ווייַל אויבֿ איר האָט ניט אמונה (גלויבן) אַז אני הוא, איר וועט שטארבן אין אייער חטאים.

[25] זיי האָבן געזאָגט, דעריבער, צו אים, ווער ביסטו? רבי, מלך המשיח האָט זיי געענטפערט, פֿאַרוואָס זאָל איך אפֿילו רעדן צו אייַך בִּכלָל?

[26] איך האָבֿ אַ סך צו זאָגן וועגן אייַך א סך וועגן אייַך איז ווערט די הַרְשָׁעָה (משפּט), אָבער דער איינער האָבֿנדיק מיר געשיקט איז נאמן און וואָס איך האָב געהערט די זאַכן פֿון אים, איך רעד אין דעם עולם הזה.

[27] זיי האָבן ניט געהאַט דעת אַז רבי, מלך המשיח האָט גערעדט צו זיי וועגן אלוהים האַבּ.
[28] דערפֿאַר, האָט רבי, מלך המשיח געזאָגט צו זיי, ווען איר פירט דורך די הַגבָּהָה (אויפהויבן) פון דעם בֶּן האדם [משיח], וועט איר האָבן דעת אַז אַני הוא, און אַליין טו איך גאָרניט, אַבער איך רעד די זאַכן ווי אזוי אבי האָט מיר אויסגעלערנט.
[29] און דער איינער האָבנדיק מיר געשיקט איז מיט מיר. ער האָט מיר ניט פאַ רלאָזן אליין, וויַל איך טו שטענדיק אלע זאַכן וואָס געפֿעלן אים.
[30] ווען רבי, מלך המשיח האָט געזאָגט די זאַכן, האָבן אסך געגעבן זייער אמונה אין אים.
[31] דערפֿאַר, האָט רבי, מלך המשיח גערעדט צו די יהודים וואָס האָבן געהאַט אמונה אין אים, אויב איר פֿאַרבלייבט מיט מייַן דבר [מצוות פון רבי, מלך המשיח], דאַן זייַנט איר טאַקע מייַנע תּלמידים.
[32] און איר וועט האָבן דעת פֿון האמת און האמת וועט אייַך געבן חֵרוּת (פֿרייַהייַט).
[33] זייַ האָבן געענטפֿערט רבי, מלך המשיח, מיר שטאַמען פֿון דעם זֶרַע אבֿרהם און צו קיינעם זייַנען מיר אמאָל געווען קנעכט. פֿאַרוואָס זאָגסטו, אַז איר וועט ווערן בני חורין (פֿרייַע מענטשן)?
[34] אין ענטפֿער האָט רבי, מלך המשיח געזאָגט צו זיי, אמן, אמן רעד איך צו אייַך אַז יעדער איינציקער וואָס פראקטיצירט חֵטְא איז אַן עבֿד החֵטְא.
[35] אָבער דער עבֿד בלייַבּט ניט אין דעם בית עד עולם. הבֵּן פאַרבלייבּט עד עולם.
[36] אויב דעריבער הבֵּן וועט אייך מאַכן בני חורין, וועט איר טאַקע זייַן בני חורין.

[37] איך האָבּ דעת אַז איר זייַנט זֶרַע אבֿרהם, אָבּער איר זוכט מיר צו טייטן, ווייַל מיין דבֿר האָט קייַן שום פּלאַץ אין אייַך.
[38] וואָס איך האָבּ געזען אין דעם זייַן פֿון אַבֿי, פֿון דעם, מאַך איך פֿייערלעך דערקלערונג. דעריבּער, טוט איר די זאַכן וואָס איר האָט געהערט פֿון אייַער פֿאָטער.
[39] זיי האָבּן גענטפערט און געזאָגט צו אים, אבֿינו הוא אבֿרהם. רבּי, מלך המשיח זאָגט צו זיי, אויבּ איר וואָלט געווען ילדים פֿון אבֿרהם, וואָלט איר אָפּגעטאָן די מעשי אבֿרהם.
[40] אבּער איצט שטרעבּט איר מיר צו הרגנען, אַ מאַן וואָס האָט אייַך דערציילט האמת, וואָס איך האָבּ געהערט פֿון השם; דאָס איז ניט געווען אַ מעשה וואָס אבֿרהם האָט אָפּגעטאָן.
[41] איר פֿאָלגט אויס די מעשים פֿון אייַער אבֿ. דעריבּער, האָבּן זיי געזאָגט, צו רבּי, מלך המשיח, מיר זייַנען ניט מַמזֵרים וואָס זייַנען זעבּוירן געוואָרן פֿון זְנוּנים (פּראָסטיטוציע). מיר האָבּן אבֿ אחד, השם.
[42] רבּי, מלך המשיח האָט זיי געזאָגט, אויבּ השם וואָלט געווען אייַער אָבֿ, איר וואָלט געהאַט אַהבה פֿאַר מיר, ווייַל איך בּין אָנגעקומען פֿון השם, און איצט איך בּין דאָ, ווייל איך בּין ניט געקומען פֿון זיך אַליין, נאָר האַבֿ האָט מיר געשיקט.
[43] פֿאַרוואָס פֿאַרשטייט איר ניט מייַנע דבֿרים? ווייַל איר קענט ניט נאָכפֿאָלגן שמע (צוהערן) פון מיין דבר.
[44] איר זייַנט השָטן פֿון אייַער אָבֿ, און די תַּאווֹת פֿון אייַער אבֿ ווילט איר טאָן, ווייַל דער איינער איז געווען אַ רוֹצֵחַ פֿון בּראשית. און ער האָט ניט גענומען אַ שטעלונג אין האֶמת, ווייַל האֶמת איז ניט אין אים. ווען ער רעדט דעם שקר, רעדט ער נאטירלעך, ווייַל ער איז אַ שקרן (ליגנער) און דער אבֿ פֿון דעם.
[45] אָבּער כאָטש איך רעד האמת, האָט איר ניט בּטחון (צוטרוי) אין מיר.

[46] ווער צווישן אײַך באַשולדיקט (דעמאַסקיר) מיר בנוגע חֶטְא
(זינד, עָוֹן: אל-העברים 4:15)? אויבֿ איך רעד האֶמת, פאַרוואָס
האָט איר ניט אמונה (גלויבן) אין מיר?

[47] דער איינער וועלכער איז פֿון השם הערט די דבֿרי השם.
דערפֿאַר, הערט איר ניט ווײַל איר זײַנט ניט פון השם.

[48] אין ענטפֿער, האָבן די פֿון יהודה געזאָגט צו רבי, מלך המשיח,
זײַנען מיר ניט בארעכטיקט צו זאָגן אַז דו ביסט אַ שומרוני און
אַז דו האָסט אַ שֵׁד?

[49] אין ענטפֿער, האָט רבי מלך המשיח געזאָגט, איך האָבֿ ניט אַ
שֵׁד. נאָר איך גיבֿ כבֿוד מײַן אבֿ און איר פֿאַרשוועכט מיר.

[50] אָבער איך זוך ניט כבֿוד פאר זיך אַליין; עס איז פֿאַר אַן איינער
וואָס זוכט און משפּט.

[51] אמן, אמן, זאָג איך צו אײַך, וועגן מיין דבֿר, אויבֿ איינער איז
שומר, וועט ער מוות קיינמאָל ניט זען.

[52] געריבער, האָבן געזאָגט די פֿון יהודה צו רבי מלך המשיח,
איצט האָבן מיר דעת אַז דו האָסט אַ שֵׁד. אבֿרהם און די
נבֿיאים זיינען געשטאָרבן; דאָך זאָגסטו אויבֿ עמיצער היט אָפּ
מיין דבֿר דער וועט קיינמאָל ניט פילן דעם טעַם פון מוות
(טויט).

[53] זיכער ביסטו ניט אַ גרעסער פֿון אבֿרהם אבֿינו, וועלכער איז
געשטאָרבן? און די נבֿיאים זײַנען געשטאָרבן. ווער שטעלסטו
זיך פֿאָר אַז דו ביסט?

[54] אין ענטפֿער, האָט רבי, מלך המשיח געזאָגט, אויבֿ איך גיב זיך
כבֿוד, דער כבֿוד מײַנער איז גאָרניט. מײַן אַבֿ איז דער וואָס
גיט מיר כבֿוד, איר זאָגט אַז, ער איז אלוהינו.

[55] און איר האָט ניט געהאַט וועגן אים דעת. אָבער איך האָבֿ
געהאַט דעת וועגן אים. אויבֿ איך וואָלט געזאָגט אַז איך האָב
ניט דעת וועגן אים, וועל איך זײַן ווי איר, אַ שקרן (ליגנער),

אָבּער איך האָבּ דעת וועגן אים, און איך האַלט זײַן דבר.

[56] אברהם אייער אָבֿ האָט לֵבֿ שָׂמֵחַ צו זען מיין יום [דעם יום המשיח], און ער האָט דאָס געזען און געהאט שׂמחה.

[57] דערפֿאַר האָבּן די פֿון יהודה געזאָגט צו אים, דו האָסט נאך ניט דערגרייכט פֿופֿציק יאָר און דאָך האסטו געזען אבֿרהם אבֿינו?

[58] רבּי, מלךהמשיח האָט געזאָגט צו זיי, אמן, אמן, איך זאָג אײַך, איידער אברהם איז געוואָרן, אַני הוא [שמות 3:4].

[59] דאַן האָבּן זיי אויפגעהוּבן שטיינער כּדי זיי זאָלן אים פֿאַרשטיינערן, אָבּער רבּי, מלך המשיח האַט זיך באַהאַלטן און איז אַוועק פֿון דעם בּית המיקדש.